STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09084

# IN BUND FUN LEBN

Moishe Ettinger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה עטינגער

# אין בונד פון לעבן

לידער

פאַרלאַג די ברידער שולזינגער

תש״ל נ י ו - י אָ ר ק 1969

# COVENANT WITH LIFE

**(In Bund Fun Lebn)**

**Poems**

**by MOISHE ETTINGER**


*Copyright 1969 by*
MOISHE ETTINGER


68-37 Yellowstone Boulevard
Forest Hills, N. Y.


פון דעם זעלבן מחבר:

„פייגל ביי מיין פענצטער"

פארלאג „זיין", 1961


*Printed in U.S.A. by*
SHULSINGER BROS., INC.
21 East 4th Street, New York, N. Y. 10003
253

געווידמעט מיט ליבשאַפט

# מרימען

מיין בת־יחידה

# אין בונד פון לעבן

איך קניפּ מיין האָב
צום בונד פון לעבן;
דעם טאַטנס זאָג —
דער מאַמעס פרעגן —
דעם זיידנס קוק —
דער באָבעס רייד.
זיי האָבן געגערט
מיט פרייד
מיין עברי־טייטש,

פון וואָכיק לעבן די שווערע בייטש;
איינגעשטילט מיט אַ תפילה —
מיט אַ טרייסט פון טרער אפילו
וואָס האָט געפּערלט אין זייער אויג.
מיך, מיט זאָרג אַרויסבאַגלייט
צו דעם ווייטן, ווייטן וועג.
מיר מיטגעגעבן אַ פאַרמעג —
אַ שטילע, וואַרעמע ירושה.
קניפּ איך זי צו מיין ליד —
מיט האַפּט, מיט שטאָלץ און מיט קדושה.

# אייגענע וועלטן

## דער דיכטער

אלה תולדות דיכטער:
ער שלייפט דאָס וואָרט,
דעם געדאַנק,
עצמ'ט אוים זיין געזאַנג.
כאַפּט אויף דעם קלאַנג
פון מאַי־גלעקל,
פון שפּראָציק בלעטל
אינעם חודש אדר,
דעם טעם פון יאָדער
אין אַ רויטן עפּל,
דעם ריח
פון אַ רויזן־קעפּל,
דעם פלאַטער פון אַ פויגל,
די שטילקייט
פון לעצטער אַשמורה
און זינגט דאָס אויף איכיקער סטרונע.

# רזא דרזין

„רזא דשבת איהי שבת"

דער סוד פון ליד
איז ליד,
געמיט —
אין האַרץ פון דיכטער.

דער סוד פון ליד
איז בילד
מיט פלי
אין אויג פון דיכטער.

דער סוד פון ליד
איז קלאַנג
אין געהער פון דיכטער.

דער סוד פון ליד
איז פרייד —
דורך באַגער פון דיכטער.
דער סוד פון ליד איז ליד...

# שאַגאַליש

אַ קאַלב רייסט זיך צום הימל,
דער ווינט וויגט זיין עק.
איך כאַפּ זיך אויף אים אַרויף
און פלי מיט אים אַוועק.

די שטערן מאַכן פאַר אונדז אַ וואַרע —
גרייטן אַ סעודה כיד המלך.
דאָס קאַלב מעלה-גרה'ט חלה.
די לבנה פרייט זיך
ווי אַ חתן מיט אַ כלה.

מיר האָבן באַזעצט די הימלען.
פון דער ערד טוען מיר שפּעטן.
קעלבער פירט מען ניט מער צו שחיטה:
אויף קעלבער רייטן איצט פּאָעטן.

# פקדון

מיר נעמען אונדזערע נאָענטע און באַהאַלטן זיי אויפן הייליקן אָרט.
די צעשראָקענע גריבער בערגלען זיך מיט טרויעריקן ליים,
די שטיינערנע טרייסטערס, טרערן מיט געשריבענעם וואָרט.
מיר, שווערע אַבלים, נעמען דעם טרויער אַהיים.

די ליידיקע דירות לויפן אונדז אַנטקעגן און פרעגן:
„וווּ זיינען אייערע אייגענע? וואָס האָט איר געטאָן צו זיי?"
מיר האָבן קיין ענטפער ניט; נאָר זעצן זיך נידעריק אויף דילן
און פאַרהענגען די שפּיגלען מיט ווייסקייט פון אייביקן וויי.

מיר ברענגען אונדזערע אייגענע אַ פּקדון צום הייליקן אָרט
און לאָזן זיי איבער דאָרט היטן דעם ניט-געשטילטן וויי,
און טרייסטן דעם בורא מיט לויב פון הייליקן וואָרט,
און זיך — אַז אויך אונדז וועט מען לייגן לעבן זיי.

# די האַנט פון צייט

דער אָסיען-בלאַט אויפן בוים —
אַ געלער, קראַנקער זקן,
אויפן צווייג הענגט פאַרטרויערט.
דער ווינט דער קאַלטער טוט אים צוואָגן —
ציפּט די טעג פון זיין לעבן,
רייסט אים אָפּ און לאָזט אים שוועבן.
אַ פויגל ער — ר'שניידט די לופט,
ווירבלט צו די ערד אַרונטער —
פאַלט אַנידער דאָרט אַ מידער
און לעשט זיך אויס.

די לעצטע בלעטער אויפן בוים
ווי לעצטע טעג פון מענטשנס לעבן
וואַרטן, אַז די האַנט פון צייט
זאָל איר גנאָד אין זיי פאַרוועבן.

# טייטש

מיין טאַטע פּלעגט טייטשן:
„זרע, אַ טראָפּן."
זאָגן פלעגט ער:
„דעם מענטשנס וועג
איז מיט דערנער באַוואָרפן."
ערשטשפּראָצלעך פּלעגט מיין מאַמע
מיר לייגן צו קאָפּנס.
מיט זייער דופט
מיך וויגן צו שלאָף,
דאָס לעבן זאָל שפּאַנען
לייכט ווי שאָף
ווען איך וועל הויזן
אין טאָל פון געוויין.

איצט זיינען זיי ביידע
אויפן עולם האמת,
דעם טאַטנס טייטש
געבליבן איז רמז.
דער מאַמעס בליטן —
מער ניט צו גרייכן.
מיינע טעג —
ווי שאָטנס זיך שלייכן.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן?
וואָס קען איך דיר וועבן?
הארט איז דאָס געוואַנט
פון טעגלעכן לעבן...

# שוואַרצער מאָך אויף
# שוואַרצע שטיינער

אומעט מיינער,
אומעט מיינער!
שוואַרצער מאָך
אויף שוואַרצע שטיינער,
האָסט צעפרעסן מיינע ביינער,
מיך געשמידט מיט דיינע קייטן
און פאַרשלעפּט צו סומנע ווייטן —
איינגעאַנקערט דאָרט מיין דירה.

ווי דער וואָרעם אין זיין גרוב
האָב איך איינגעהויזט מיין גאָב:
עגמת-נפש, קלאָג און צאָרן,
ווייל איך בין ווי דו געוואָרן —
שוואַרצער מאָך
אויף שוואַרצע שטיינער,
אומעט מיינער.

## בלויז אַ ציפּער

די יאָרן ברענען מיט וואַקסנדיקן פלאַם
און קאַרבן דעם מענטשן ווי קאָרע דעם בוים,
שטורעמען אים אָן ווי די כוואַליעס דעם ים
און בלעזלען אים אוים ווי זאַמד דעם שוים.

זיי פאַרהוילן פאַר אים זיין שעה פון באַשייד,
נאָר קלאָרן אים אוים אַ לעבן פול וואונדער —
און פירן אים אָפּ צו דער אייביקער ווייט;
פאַרצייכענען אַ ציפער אין זייער קאַלענדאַר...

## ווייסע טויבן

עס פּיקט זיך שוין דער צווייג פון בוים.
עס וועלן צווייטען באַלד די בלעטער
און דאָס גרין — די קרוין פון זומער —
וועט אויף בוים טאָן אַ קלעטער.

איך בין איצט אַ ווינטער־ייד;
בין איך דעם בוים שטאַרק מקנא:
אויף מיין קאָפּ איז אויך אַמאָל
אַ זומער־קרוין געשטאַנען;

נאָר דאָס איז געווען „אַמאָל",
ווי דער אָנפאַנג צו אַ מעשה —
אויף די קעפּ פון ווינטער־יידן
נעסטן בלויז טויבן ווייסע.

## EROS

די שלאַנג געפּאַרבט מיט סוד פון ליבע,
געקאַרבט מיט זלידנער תאווה,
הענגט געדרייט אויפן לייב
פון דער כיטרער חוה.
חוה׳ס גוף — אַ מוטער־קעסל,
קאָכט מיט קראַפט פון ווערן
און איר גלוסטונג קרעמפּט
און שניידט — ווי צעשאַרפטע שערן:

חוה לאַקט מיט שלויכע אויגן,
זי צישעט זיסע ווערטער,
און מיט צונג גליאיק וועקט
דעם זכר — איר באַשערטער.

אָדם, שטייף, אָנגעמוסקלט,
אָטעמט שנעל און שווער.
זיין רויטער גוף הייס ווי פייער
שפּאַנט זיך אָן באַגעריק.
ער גלידערט איין איר גרייטן גוף,
עס גאַנצן זיך די קערפּערס
און איבער זיי אַ בת־קול רופט:
פּרו ורבו!

# אין סאָד

דער עפּלבוים אין סאָד —
דער שאָטן קילט אין זיין ראָד
די נאַקעטקייט פון מיידל.
פון עלפאַנטנביין בערגלעך צוויי —
רונדע,
שטייפע,
ווייס ווי
שניי,
האַלט איך
אין די
הענט.

די זון איז הויך
און זי ברענט.

מיין מיידל
שוויגט
פאַרשעמט.
אירע אויגן
צוגעשלאָסן
און איבער זיי
איז צעגאָסן
גליק.

## ניט ווי חוה

איך בין דאָ און דו ביסט דאָ
און איבער אונדז די עלטער,
זי לייגט זיך אויס אַזוי גוט
ווי ווען בלעם דער שעלטער
וואָלט זי געשאָלטן.
זי וויקלט אויף טעג פון פרייד,
נעכט פון יונגער ליבע —
אונדזער זיין זאַט באַגלייט
צו דעם ציל פון מידע.

אָפּגעשפּרייזט אַ לאַנגן וועג
אינעם סאַד פון לעבן.
זיצן מיר באַצירט מיט
אונדזער קינדס אהבה:
— האָסט, מיין ווייב, מיך ניט באַעפּלט
ווי אָדמ'ען האָט חוה.

# אייגענע וועלטן

צום אָנדענק פון איציק מאַנגער

ר׳ איציק, ר׳ איציק!
דאָס לעבן איז שפּיציק,
דער דויער איז קורץ —
זיג־זאַגיש און ביטער.
די וועלט פון די דיכטער —
אַ צעפּאָכטן געוויטער:

פון סוכות צו סוכות
מיר קומען אושפּיזין
מיט נייע הקדמות,
צו אַלטע וועלטן
און ברעכן יסודות
פון פאַלשע געצעלטן.

אונדז שרעקט ניט קיין קעגנער,
אונדז אַרט ניט קיין שעלטן.
מיר בויען און טראָגן
אייגענע וועלטן.

# יידן בויען

# מאה שערים...

מאה שערים ווײנט מיט בלאָטיקע טרערן,
אירע טויערן הענגען ווי אויסגעלאָשענע לאַמטערן.

ווען מ׳פרעגט דעם אַלטן מוכר־ספרים:
איז אמת אַז הונדערט טויערן פאַרמאַגט מאה שערים?
שמייכלט ער און טוט זאָגן:
— שטעל־אויף די אויערן, וועסטו הערן אירע ריגלען קלאָגן.

גיי דורך די ענגע טונקעלע געסלעך,
שמעק־אוים די זויערקייט פון די הערינג־פעסלעך,
כאַפּ־אויף דאָס ווייבערישע מאַרק־לשון,
דעם געבראַזג פון די מטבעות אין די בעטלער־טאַשן.
הער דאָס דינגען זיך — די קונים מיט די קרעמער,
וועסטו הערן ווי מאה שערים זינגט איר זמר.

טאַפּ־אוים די סחורות, צעלייגטע אויף די שטעלן,
די בינטלעך ציצית, די רויטע קרעלן;
פאַרנעם דאָס קינדערישע חדר קנעלן,
זייער שפּילן זיך אויף די שוועלן,
דעם מלמדס הארבע מאַמע־לשון,
דעם גאַנצן געפּילדער און די אַלע רעשן,
וואָס שפּאַרן פון די קראָמען און קלויזן,
אַפילו דאָס כירקען פון די מויזן;
הער ווי עס סקריטשען די געפּלאַסטערטע שטיינער,
וועסטו הערן ווי מאה שערים רעדט — מיט אַלע אירע ביינער.

פסח תשכ״א

## פסח ביים כותל המערבי

מיין טאָכטערס טריט פירן מיך צום כותל.
עס באַגלייט מיך דער עלטער־זיידע, משה דער מקובל.
דער געדרייטער דרך טאַנצט אונדז אַנטקעגן —
שטייניק געלייגט היגל אויף היגל.
דער כותל הייבט זיך צום הימל מיט יחום —
טיפט זיך אין תפילה, אין טרערן פון דורות.
ווינט און זון האָבן אים באַגאַרטלט
מיט אַלטע הייליקע סודות.

די שטיינער באַדעקטע מיט מאָך פון יאָרן
ריידן מיט פרייד פון דערלעבטער גאולה;
די שפּאַלטן ענגע שלינגען די קוויטלעך —
יידישע בקשות שטילע.

יידן, עולה־רגלדיקע באַפליגן די וואַנט.
קיבוץ גלויות שאַלט מיט תפילה:
אַ חסידישער ברען געקייטלט אין באַנד
פלאַמט אויף מיט פרייד און קדושה.

די זכיה צו זיין דאָ באַגליקט מיין נשמה,
מיט געשטיקטע טרערן איך זאָג די עמידה:
איך בין זיך מצרף מיט עדות יידן
און פליגל אוועק אויף עומר פון ספירה.

# ווי אין חלום

„בשוב ה׳ את שיבת ציון״ (תהלים קכ״ו)

איך האָב היינט געזען מחנות יידן
עולה-רגל זיין צום הר-הבית.
פּים האָבן אויסגעטופּעט פרייד,
גאַסן — שירה.
זעלנער געשטערעקטע ווי א ווירע,
מיט באַשווערטע אַקסלען פון כלי-זין,
מיט באַהעלמטע קעפּ, אונטער טליתים;
גיבורים ביים כותל המערבי
זאָגן הלל —
אין גאַנץ שטאָט ירושלים.

עס האָט זיך מיר געחלומט,
אהרונס שטעקן האָט זיך ווידער צעבליט,
צעשפּראָצט מיט יידישע מאַנדלען;
אַז שאול זוכט ווידער זיינע פאַרלוירענע אייזלען,
אַז דוד דער קיניג האָט זיך ווידער אָנגעטאָן
די קרוין פון מלכות,
אַז יהודה המכבי האָט מגלה געווען יצחק ראַבינען
דעם סוד פון ניצחון,
און משה דיין האָט אויסגעקריצט אַ זיבעטן לאוו:
„לא נזוז מפּה!״

עס האָט זיך מיר היינט געחלומט אַזאַ חלום,
ווייל אַז גאָט האָט אומגעקערט די אומקערונג פון ציון
זיינען מיר געווען ווי אין חלום.

# חיפה

חיפה טריאומפירט איבערן ים —
צירט זיך אויפן כרמל מיט גרויס-שטאָטישער פּראַכט.
אין אויפוואַך פון טאָג זי טוקט זיך אין פלאַם —
אין עלעקטרישן ליכט אין דער נאַכט.

חיפה! שטאָט פון אַרבעט און מי,
פון יידישע שיפן, טראַנספּאָרטן.
שבת קרוינט זי פון רו דער גלי —
אין דער וואָכן — לאָדונג פון פּאָרטן.

# איבער די דעכער פון תל־אָביב

דער פּרייטיק־צונאַכטס רוט זיכער אין תל־אָביב.
די גאַסן טונקלען מיט שלווהדיקער זמירה.
דאָס וואַסער אין ירקון כוואַליעט שטיל.
די נאַכט פּרישט זיך מיט מלכא קדישא.

איך שטיי און קוק אויף די פּאַרביקע הייזער.
זיי שפּאַרן זיך הויך מיט מנוחה־שווייגן.
ערשט פריער האָט דאָ געשמייעט די מי —
די וואָך געפּוצט זיך ווי צייטיקע מיידן.

די קליינטן צעוואָרפן, צעלייגטע מיט סחורה,
די קרעמער, באַיאַכטע מיט אַלענבי־גליק.
אויף שטעלעס די פּרייזן געלאָקט האָבן קונים
אין די ווייז־פענצטער פון דיזענגאָף — נייעמאָדישער שיק.

איצט האָבן מלאכי עליון צעפליגלט די ברכה
און באַגלייט דעם כרך מיט שבת־געמיט.
שוועבט דער שבת איבער די דעכער פון שטאָט
און דערציילט:
אַ זאַמדיק בערגל האָט זיך חלוציש צעבליט,
אַ בויענדיקער דור געשטאַרקט די מדינה;
פאַרפלויגן זיינען נאָר צוואַנציק יאָר
אַז דאָ האָט געשאַלט דער שופר פון גאולה.

דער פרייטיק־צונאַכטס רוט זיכער אין תל־אָביב.

# צפת און דער אר״י הקדוש

די בערג שפּיצן זיך סודותדיק אין צפת.
די שטאָט גרויסט זיך מיטן אר״ים שול.
דער אר״י הקדוש פאַרחידושט שפּאַנט
אויף צפתער גאַסן — ווי פאַרצייטנס אַמאָל.

די הייזער קוקן אויף אים מיט שרעק —
מיט ווענט צעפּרעסענע פון שווערע יאָרן.
די צייט פון אר״י איז שוין לאַנג אַוועק ;
ער ני׳שטערט עפּעס אין זיין זכרון.

דער איצטער איז פרעמד, ווייט און בלאַס —
ער רעדט שטאָלץ מיט מצבה־טאָוולען.
דער אר״י הקדוש איז גוזר : — צפת !
שטעל אַפּ דיינע ככל־הגוים׳דיקע יובלען.

דער אר״י דעקט אַפּ זיין שוואַכן גוף,
טוט זיך אָן סיגופים נייע.
ער וואַרט אויף פּתרון פון די בערג,
זיי שווייגן ! — „י־ה רבון עלם ועלמיא.״

## דער צפתער שלייער

צפת פאַרשלייערט מיט סוד פון די בערג,
שטייגט אויף טרעפּ פון קבלה צום הימל.
די גאַסן — צעפּ, אויף פּעלזיקע קעפּ,
פלעכטן אַ רזינ׳דיקן דרימל.
זיי וויגן די שטאָט איין צו שלאָף —
טרינקען זי אָן מיט חלום פון בעכער.
אויף פליגל פון זוהר פליט דער אר״י
איבער די צפתער דעכער.

ער פליט און פליט איעדן טאָג,
קילט זיך דאָרט מיטן מעריב-ווינטל.
דער פּאַסטוך פירט אַהיים די שאָף,
מנחה׳דיק פרום האָוקעט זיין הינטל.
קוקט די זון פאַרחידושט, אַראָפּ,
אַ רויטע, באַהאַלט זיך אונטער די בערג.
שווימט די לבנה אַרויס אין אַ מיצל,
געלקחנט ביי אַ נאַרישן טערק.

צפת פאַרשלייערט מיט סוד פון די בערג,
שטייגט אויף טרעפּ פון קבלה צום הימל.

# יידן בויען

בלוי דער הימל, די שטערן רעדן לשון־קודש.
די לבנה מאַכט קידוש איבערן וואַסער פון ירקון.
פון ים בלאָזט דער ווינט, שטויבט דאָס זאַמד,
דערציילט עס פון בוי, פון מי, לאמר:
הענט מיט מאַזאָליעס האָבן געשטיקלט די שטיינער
פאַר נייע שטעט און פאַר די שאָסייען.
יידישע הענט באַפרייטע פון ווייען,
יידישע הענט באַגלייט פון געזאַנג.

די אַלטגעזעסענע און די ניי־געקומענע,
די געטראָגענע פון פרייד, צי פון שרעק אַנטרונענע,
אויסבאַהאַלטענע אין בונקערס און אין לאַגערן געפונענע,
די לעבן געבליבענע פון סמ׳יקע קאַמערן —
די פליטים פון בראַנד בויען און האַמערן.

# צעוויטיקטע הייכן

# אין אַ פראָסטיקער נאַכט

ביי ר׳ נחמנען ברענט די באָרד.
די אויגן פינקלען מיט פייער.
עס גייען אים נאָך די „זיבן בעטלערס״,
גרויסן זיך צו ווערן באַנייער.
דריי פון זיי, מיט טאָרבעס באַלאָדן,
טראָגן דעם צדיק׳ס ווערטער ;
די איבעריקע פיר מיט שליחות באַיאָכט —
גייערס, צו ווייטע ערטער.

ציען די בעטלערס אויף אַשיקן שליאַך
באַדעקט מיט שטרויכלען און דערנער.
איעדן קאָנט זיי רייניקן אוים —
פאַרזייען משיחישע קערנער.
ווען זיי טרעפן שטעלן זיי אָפּ —
ברענגען דעם צדיק׳ס בשורה :
„איבערגעשוווערט האָט דאָס צינגל פון וואָג,
עס איז אַתחלתא דגאולה !
מיר האָבן דעם תישבי געטראָפן אין וועג,
ער האָט צעבראָכן זיין שטעקן.
׳געגנוג געליטן׳ — האָט ער געזאָגט,
׳שוין צייט זיך אויפצואוועקן !׳״

טונקט ר׳ נתן די געגדזענע פען,
עס בלעזלט פון פרייד דער טינטער.
ער שרייבט „די מעשה פון זיבן בעטלערס,״
אין אַ נאַכט פון פראָסטיקן ווינטער.

# ספקות

דער גמרא־מלמד, מאיר גאָט,
גלעט די קאַלטענעוואַטע באָרד,
זשמורעט די פרומע אויגן,
די נאָז מיט טאַבאַק פאַרצויגן,
ער קנעלט:
„רבונא דעלמא,
ס׳איז אַ נישטיקע וועלט!
דעם רשע איז גוט,
דעם צדיק איז שלעכט;
איוב איז טויט, זיין טענה גערעכט.״

אַלטער, זיין זון, אין אַ ווינקל זיצט,
ער דרייט די מיל, מאַלט דאָרט די גריץ,
דאָס ווייב אין אַלקער קאַשעוואַרעט.
וויגט זיך אַלטער און קלאָגט:
„די פלוגתא פלאָגט,
דעם רשע איז גוט, דעם צדיק איז שלעכט,
איוב איז טויט, נאָר זיין טענה גערעכט.״

זי עגבערט דעם מוח, אין האַרצן זי שטעכט,
רחמנא לצלן!...

# אַ פייערדיקער דגל

פון יאוש געטריבן,
פון וויי געטראָגן,
שפּרייזט דער בעש״ט
איבער בערג און איבער טאָלן.

צעפלאַמט זיין פּנים,
די באָרד צעשויבערט,
די אויגן פאַרזשמורעט,
ער נישטערט און זוכט —
די שטעטלעך און שטעט,
פון יידיש פּאָליעסיע,
פון חסידיש פּאָדאָליע.

די הייזער צעחרוב׳טע,
די גאַסן צענומענע,
די קברים צעוואָרפענע,
מצבות צעלאָמעטע.

דער ווייזער פון חורבן שרייט!

שטעלט זיך דער בעש"ט
ביים אוהל פון מגיד,
ער קלאפּט און פרעגט:
— „מעזריטשער צדיק!
זע, וואָס געשען איז!
וואָס האָסטו להגיד?
און וואו געווען איז
לוי-יצחק בן שרהם —
דער בערדיטשעווער סניגור?
אויך ער, אויך ער, געווען איז
אַ שוויגער?!

גוואלד! גוואלד! גוואלד!"

ציטערט די ערד. עס ווערט שוואַרץ דער הימל.
צוויי מתים שטייגן אַרויס פון די קברים,
זיי קייקלען זיך איין אָרעם אין אָרעם —
פלעכטן זיך מיטן בעש"ט און ווערן אַ סגל.
און איבער דעם סגל פלאַטערט אַ דגל —
אַ דגל של אֵש פון קידוש השם.

## פוסטע חלומות

די בלעטער פון מיין בוים האָבן אָפּגעוועלקט.
אַ געלע קרוין זיצט אויף זיין קאָפּ.
מאָרגן וועלן זיי באַהעפטן די ערד
מיט לאַטעם פון האַרבסטיקן טרויער.

מיין פעטער פלעגט זיינע גרויע האָר
אין די בלעטער פון גמרות שלאָפן לייגן —
אַ סגולה צו פאַרמיידן דעם מלאך המות,
צו זיכערן פאַר זיך לאַנגע יאָר.

דער קיילעך וועט אויסציילן זעקס פולע לבנות,
מיין ווערבע וועט ווערן מעוברת מיט בלעטער,
נאָר די האָר — סגולות פון פיקח מיין פעטער
זיינען פאַרגאַנגען ווי פוסטע חלומות.

# דער לעצטער הויך

בערל דער מטורף טראָגט אונטערן היטל א שטיין.
אויפן האלדז א קמיע — א קנעפל פון ביין —
פלאפלט און שושקעט צו זיך אליין:
„העצי קעצי, פעצי מעצי, — א רוח אין דער וועלט אריין.
וויין איז רויט ווי בלוט,
איז גוט קידוש צו מאכן."
ער שטשירעט די ציין מיט גאָרגלדיק לאכן.

דעם שכנ'ס האָן האָט געקרייעט פארטאָג.
בערל האָט מיט א מעסער געטאָן אים א „כיק"
און זיין גאָרגל „געהייליקט" —
זיך פארכליניעט מיט יוכע —
רזין דרזין — געזאָגט זיין ברכה.
„העצי קעצי, פעצי מעצי — בורא פרי הגפן.
די וועלט איז זינדיק, די מצוות שלאָפן:
ברידער, שדים, איך טו אייך רופן,
לייזט מיך אוים!"

בלאסער ווערן אלע שטערן,
און צופוסנס פון לאמטערן
ליגן — א האָן און א מענטש —
און קיינער ווייסט נישט, ווער ס'האָט ועמען
אין לעצטן הויך געטאָן פארשעמען...

## דער פליענדיקער סוחר

מנשה דער קרעמער שמעקט מיט געווירץ,
א הארבאטער, א קליינער, באגארטלט מיט שירץ,
פליגלט אין קראם איבער די זעק
פון באגינען ביז שפעט אין די נעכט.

זיין ווייב פייגע, דער לאנגער זשאנדאר,
שטייט שטעכיק, קלאגט מיט צער:
„קוים וואס ער לעבט, מומיק און דאר
און די זארג פון שטאט ברענט אים ווי זשאר.״

מנשה פארטאן טיף אין די זעק,
פארטרייבט איר טענה מיט שרעק אוועק:

:ווען איך בין משרת ביים הורטאווניק געווען,
ווער האט געוואוסט, ווער געקענט זען,
אז מיין הונגער וועט שלאפן אין א זעטיקן בעט
און ס׳געלט וועט זיך מערן ווי א טערנע אין געוועט?

„יעקל הורטאָווניק, אַ בייזער און קאַרג,
ליגט אויף זיין געלט ווי אַ געשוואָלענער באַרג,
ציילט דאָס מינץ מיט קלעפּיקע הענט
און שטאָפּט די קאַסע אָן מיט פּראָצענט.

„איך האָב געחלומט אין אַ ווינטערנאַכט,
אַז כ׳בין ביי יעקל אין קאַסע פאַרמאַכט,
דאָס געלט בעט זיך: „ראַטעווע, נעם!"
אַ שטאָט גייט אוים פון דחקות, פון קלעם!

נאָר מיין מאַמעס האַנט האַלט מיך צוריק, —
זי זאָגט: „פע, גנבישע שטיק!
ראַטעווען יאָ, נאָר מיט אייגענער מי" —
און טשעפּעט מיר צו פליגל פון מי.

# דער קלעזמער און די נאַכט

מוציקע דער קל'עזמער באָדט זיך אין דלות,
ער קליידט אים און צירט אים מיט קלעזמער מידות.
צעוויגט אין התלהבות זיין גוף פול מיט פרייד,
שפרינגען די פינגער מיט קלעפּלעך פון פלייט,
ער בערגלט די באַקן, שפּרייט די נאָזלעכער
און פליט אַ צעשפּילטער — איבער אָרעמע דעכער.

טרעלן די גאַסן מיט נאַכטיק געדודער,
זיין פלייט ווערט שיכור מיט פלייטיקן פיבער;
זי ציט אויס אַ שיר־המעלות׳דיקן ניגון —
פון תפילות הייסע אָרום קימפּעט־וויגן.

דער ניגון נערט, ער טראָגט געהויבן —
קוישן פולע מיט לעקעך און טרויבן.
מוציקע אַ פּאַרחלש׳טער נאַשט פון די קאָרבן
און זעטיקט די נאַכט מיט ניגון פון מאָרגן.

# זידיטשויוו

ר׳ משה זידיטשויווער אין מזרח-ווינקל
דאַוונט מיט רביישער דבקות.
זיין גוף געשטרעקט,
זיין קאָפּ געשפּיצט,
די אויגן —
שטראַליקער גלויבן.

„כתמר יפרח, — כארז בלבנון״ —
דער צדיק פּאַטשט מיט די הענט.
אין מזרח-ווינקל,
אין זידיטשויווער קלויז,
אַ פייער פון תפילה
ברענט.

און כאַפּט אַרום אַן עדה יידן —
זאַנגען צעוויגטע פון שטורעם, אין פעלד.
— עוד ינובון בשיבה דשנים —
ורעננים יהיו! — זידיטשויווער געצעלט.

## ניט דערלעבט

שמואל-הערש דער מעקלער
איז מטופל מיט קינדער
און מיט דלות.
זיין ווייב שווייגט,
ווען עס הונגערט דער שבת.

פייוויש דער רימער
שטאָפּט די זאָטלען,
ער קוקט אַ פרומער
צו די שטעקלעך פון בייטשן,
וואָס שטייען אין ווינקל,
ווען ער דאַוונט מנחה
און טאָג ווערט טונקל.

ציפּע די בעקערין
נעמט ניט קיין חלה.
איר אויוון שטייט פּוסט,
דער מולטער וויסט.
קאָטשערע, לאָפּעטע קלאָגן.

בערל דער שניידער
דעם אונטערשלאַק גלעט
פון בגד אַן אַלטן.
ער רייבט די דאַרע פינגערס,
זיי האָבן לאַנג שוין
קיין נאָדל געהאַלטן.

זיבאַלע די שדכנטע
ציילט די פאַרזועסענע מיידן.
זי געדענקט ניט די צייט
ווען קלעזמער האָבן „וואַרע" געמאַכט,

אַברהם-הערש דער דיין
האָט ניט וואו צו לייען.
ער איז יוצא מיט קרעכץ.
פאַרגליווערט שטייט
דאָס טעפל
פון געקעכטס.

דער „אמר אביי"
אין תלמוד-תורה קלינגט.
זימל דער שוסטעריונג וואַרט —
אויף אַ וועלט אַ נייער.

# הושענות

אַברם־הערש דער דיין פּיזמונ׳ט די הושענות.
אַ בלאַסער, געבויגן, איינגעהילט אין טלית,
ציט ער בראָש פון אַ צע׳לולב׳טער עדה.
„הושע־נא למענך, הושע־נא, הושע־נא!״
אַ מידער ער קרעכצט בעתן זאָגן,
להבדיל ער וואָלט געצויגן אַ וואָגן
באַלאָדן מיט שווערע עבירות.

ער שפּיצט זיין לולב צו מזרח, צו מערב,
שאָקלט צו דרום, טרייסלט צו צפון,
די ווענט צעהילעכטע ווידערקוליק רופן:
— למענך בוראנו! למענך בוראנו!

ביי דער זיבעטער הקפה — אינגאַנצן געבויגן
ער פאַלט צום דיל, אַ שלאַפער פויגל
און איבער זיינע פליגל שלאַקסן הושענות,
צום אָפענעם אָרון־קודש.

# דער פרוש

**דער פעטער דוד, אַ ייד אַ פּרוש,**
באַוואוינט מיט חולאתן, באַזעצט מיט אַ מיחוש.
די באָרד צעשויבערט, די קאַפּאָטע צעפּאָלעט,
זיין דרך אינגאַנצן — איז מיט מצוות פאַרזאָלעט.
ער פאַסט אין די טעג — וואַכט אין די נעכט
און רעדט ער אַ וואָרט — איז עס געדעכט
ווי אַ פאַרפּלאָנטערטע סוגיה.

דער פעטער דוד דאַרף ניט קיין דירה;
די באַנק אין קלויז איז זיין שמירה
פאַר ווילדע חלומות, פאַר שלעכטע הרהורים.

טלית און תפילין, אַ סליחה און אַ שירעם
— זיין עולם־הזה.
טרעפט, אַז מ׳פרעגט:
„מה זה?"
שפּיצט ער אַ פינגער אַרויף צום הימל
און טוט אַ קרעכץ.
„איך — זאָגט ער — לעכץ
צו אייבערשטע זאַכן;
די אונטערשטע וועלט
מעג פון מיר לאַכן,
ווען מען דאַרף דאָס?"

# אַ וואַכנאַכט

מײַן זיידע אַלטער־עליע
ליגט אַ שטײַפער,
גלאָצט צו דער סטעליע.

ביים בעט — איינגעבויגן,
זיצט די באָבע
מיט פאַרוויינטע אויגן.
דער לאָמפּ קאָפּטשעט,
עס צאַנקט זיין פלעמל.
אין אַ ווינקל לעקט
די קאַץ אַ קעמל.

פון ספרים־אַלמער
קוקט דער עין־יעקב
פאַרחידושט אַראָפּ.

די עלטער־מומע מירציע־שיינע —
אַן איינגעשרומפּענע זקנה,
שאַרט זיך אין צעריסענע פּאַנטאָפל.
זי טראָגט אין האַנט אַ קאַרטאָפל,
אָנגעפּילט מיט געלן וואַקס,
און זי שפּייט און שפּרעכט:
„אויף אַלע פּוסטע ווייטע וועגן,
זאָל דער שפּיציק־נאַסער רעגן
אויסגיסן זיין שוואַרצן צאָרן —
זעט, וואָס איז פון אים געוואָרן!
ליגט און קען זיך ניט רירן,
איך מוז אים הייבן, — מוז אים שמירן."

רייבט זי אים מיט ווייכן וואקס,
אַ שנור פון רויטן פלאַקס
קניפּט אַרום זיין לאַנגן האַלדז,
אַ ציינדל קנאָבל — טונקט אין זאַלץ,
וויקלט אין אַ טוכלע טיכל
(אַ סגולה פאַר אַ היימיש רוח׳ל)
און לייגט עס אים צו קאָפּנס.
דערנאָך גיסט זי אַ פּאָר טראָפּנס
פון אַ ברוין רפואה־פלעשל,
זערנעם קאַנפער פון אַ טעשל
ציילט אַריין אין אַ גלאָז,
מישט דאָס אַלץ מיט וואַסער אויס
און טרינקט דעם זיידן אָן.

פלוצים צעקרייעט זיך דער האָן,
די קאַץ קערט איבער דעם טאָפּ מיט מאָן;
גליטשיק ווערט דער ליים פון דיל.
צעשויבערן זיך אין אַ שפּיל
דער האָן, די קאַץ און די מויז.
וואַקסט דער רעש ווי אין אַ מיל.

אין טויער קלאַפּט דער שמש שמואל —
וועקט צו עבֿודת הבורא.

## בערל׳ס דאַליע

בערל דער בלעכער
דאָרט אינעם קעלער.
פון בלויען באַגינען
ביז שפּעט אין די נעכט
צינקט ער די קוואַרטן,
לייט ער די רינען,
קיילעכט די טעפּ,
רייפט אָן די קאַנען.
צאַנקט —
דער צינקאייזן
מיט קרענקלעכע פלאַמען.
ער שפּייט מיט בלוט —
און האַמערט די בלעכן —
זיי ציטערן
ווי גלעקער
אויף העלדזער
פון לעמער.

# נעבעך

משה מיידל — אַ באַלייבטער ייד.
די קליבעם צעוואַקסן, צעקרומט די פּיס,
שפּאַנט ער אויף זיי ווי אויף שטאַלצענע קלעצער —
דער רעכטער שטופּט, דער לינקער איז בר־מצר.
דאָס פּנים גלאַט, קיין סימן פון האָר.
די אויגן — לאַכיקע גריבלעך אַ פּאָר.
דאָס קול דין, פון טיר אַ סקריפּ,
שלענגלט זיך דורך דער אונטערשטער ליפּ.

משה מיידל ווייסט אַז מ׳ווייסט:
אַז שוין אין וויגל האָט מען געגרייזט,
הויזן געניט במקום אַ קלייד,
מיט טרער און זיפץ דאָס נייען באַגלייט.

משה מיידל האָדעוועט קעץ.
חוזק׳ט און לאַכט דער שטאָטישער לץ.

# „עס איז שפעט"

וויפיל האלט דער זייגער? וויפיל האלט דער זייגער?
עס ציפערט דער צייגער, די וואָג אַ שווייגער,
זי וויגט זיך און פרעגט: „ווער איז דער פרעגער?"

נישט ברוך מלמד; נישט זרח דער טרעגער;
נישט זעליק דער שוסטער, נישט זלמן דער שניידער;
זיי וויסן — אַז איידער, איידער אַ זייגער
האָט גאָט ברוך־הוא באַשאַפן די צייט.

נאָר יאַצעק אַפּטייקער, אַ בר־נש אַ פּאַרלייקנער —
אין זיין פלײשיקן גוף נעסט דער נישט־גוטער —
ער וואָרטשעט און בורטשעט און בונטעוועט אונטער:
„וואָס מערער איז בעסער. גיכער! שנעלער!
מ'דאַרף אָנפילן די טעפּ, זאַטן די טעלער;

וויפיל האלט דער זייגער? וויפיל האלט דער זייגער?"
עס וויגט זיך די וואָג, עס שרייט דער צייגער:
„ס'איז שפעט! ס'איז שפעט!"

# יידישע שפּראַך

זי האַמערט מיט כּוח ווי אַ קאָוואַל אויף אַמבעס,
זי שפּריצט מיט גליאיקע פונקען פון שטאָל —
אין מויל פון זקן, אין מויל פון זקנה,
אין מויל פון נעכטן — דעם ליכטיקן אַמאָל.

זי וואַקלט און וואַקלט ווי מידע טויבן
צו זייערע נעסטן אויף גליטשיקן דאַך;
פון פאַרגעסער געטריבן, פון פאַרניינער געבייטשט;
מיין הייליקע, הייליקע יידישע שפּראַך!

זי מינערט פון האָניק ביי תינוקות־של־בית־רבן,
זי העלפט זיך שטומפּיק מיט לשון בלע״ז —
אין מויל פון יינגל, אין מויל פון מיידל,
אויף אַמעריקאַנער יידישער גאַס.

אין מיר, זי טריפט מיט שיר־השירים,
מיט ליד פון וואָגל, געדויער און זיין;
און שיכורט מיך אָן מיט נס פון קיום.
פון איר לאָגל איך טרינק — די משקה פון פרייד.

# וואָס וועט בלייבן

מיין טייערן חבר
ד״ר שלמה סיימאָן — אַ מתנה

כמעט אַלע זיינען אוועק מיטן וועג,
וואָס פאַרהוילן איז מיט אימה
און זאַמלט איין אַלע דורות.
חברים מיינע — אַ מתי־מעט,
איצט ביים לעבן נאָך געבליבן,
מיט מסירת־נפש אָנגעזאָגט —
צו אייביקייט זיך איינגעשריבן.
ווער מיט וואָרט און גראַם אין ליד,
ווער אין מאמר מיט קלוגער חקירה.
פון שעפערם כוס געטרונקען אַלע
האָבן זיי בדחילו ורחימו.

ווען מיר לעצטע וועלן גיין —
וואָס וועט איבערבלייבן ?
ניט די ליבע, ניט די שרעק,
וואָס נערט אונדזער שרייבן ;
נאָר דער שאַפערישער דרך
וואָס פלאַטערט אין די שורות,
וואָס קרוינט מיט נוי אַלע דורות.

# גבורה

אין זומערדיקע טעג, אין ווינטערדיקע נעכט,
מיט פסוקים פון תהילים — אין שטילן געפּעכט,
וועבט הערש קוציעס די טעג פון זיין לעבן.

ער יאָגט אַ צעפּעכטער
פון חתונות צו בריתן,
צו נאַשן אַ ביסן
פון סעודת מצווה.
ביים כאַפּן שיריים
פון רבישע טישן —
שטורעמט ער אויף
ווי זיגזאַגישע בליצן
און בענטשט בציבור
דעם הונגער אַריבער.

אין די טרויריקע טעג פון „ימח שמו"
איז ער אַמלענגסטן געשוואָלן געווען.
וואָס מיט אים איז געשען ?...

דער הונגער האָט קדיש געזאָגט
און געחוזק'ט פון שונא.

# אויסגערונען

איבער מיר וואָלקנס חורבן.
איך שפּאַן.
מיינע פּיס שלינגען גאַסן,
גאַסן בלייכע ווי מתים —
גאַסן שטייפע ווי טויט.
הייזער צעפּיצלטע פון שרויט
דומען מיט פוסטקייט.

אַ קראַ אויף אַ ווערבע
זיצט פאַרטראַכט.

איך זוך —
ניטאָ מער וואָס דאָ צו געפינען;
אַפילו וואַסער אינעם ברונעם
איז אויסגערונען.

# יזכור

טאַטע מײַנער, פּאָטער מיינער!
יזכור זאָג איך איין־אליינער,
אַלע קינדער לאַנג פאַרשניטן —
נאָר איך איינער בין געבליבן
דיין באַוויינער.

ניטאָ קיין בערגל, ניטאָ קיין קבר;
אָפּגעשניטן איעדער אבר
פון דיין שטאַם.

איז צו וועמען זאָל איך קלאָגן?
און צו וועמען קדיש זאָגן?
אַז געבליבן איך אַליינער;
ווײַ איז צו אַזאַ באַוויינער,
טאַטע מיינער!

# יהא שמינו רבא

דו ביסט גרויס און דיין נאָמען איז גרויס,
נאָר גרויס איז אויך דיין פאָלק ישראל,
איך, משה בן יצחק, זאָג: יהא שמינו רבא.

פאַר אונדזער ווילן צו זיין, און אָנהאַלטן דעם גלויבן,
פאַר די דורות פאַרשניטענע דורך שחיטות און רויבן,
פאַר די ישובים צעפּלינדערטע דורך ווילדע ראָבן,
פאַר די קדושים, וואָס האָבן זייערע אייגענע קברים געגראָבן,
איך זאָג: יהא שמינו רבא.

פאַר אונדזער כוח צו פאַלן און זיך אויפהייבן ווידער
און צונויפנעמען אַלע געבליבענע גלידער,
זיי שמידן צו אויפשטייג מיט האָפערדיקע פלאַמען,
איך זאָג: געגרייסט זאָל זיין אונדזער נאָמען.

פאַר אונדזער גנאָד צו פאַרקוקן דעם שונא זיין זינד
(כאָטש גרויס איז די בושה און טיף איז די וואונד),
פאַר דעם גלויבן אין מענטשן, אין דעם אַכזר אַפילו...
ווייל גלויבן איז לעבן, און לעבן איז אונדזער תפילה,
איך זאָג: — יהא שמינו רבא.

# דער שטריק דרייער

האָצמעך קלאָצמעך שטריק דרייער,
אויף צוויי שטאָלצן וויגט זיך מאיר,
דרייט די שטריק אין דער וואָכן.
פויערים ווארטן — פויערים קוקן
ווי ער נעצט די גרויע פלאַקסן,
ווייסן ניט אַז עס וואַקסן
ווייטיקן אין זיינע פּיס.

אין שבתים, ימים־טובים,
ביי זיין רבים פראַווען טישן
ווערן ווייטיקן אַנטשלאָפן.
דרימלען שטאָלצן אין אַ ווינקל,
חלומען. — די קלויז איז טונקל,
פון רבים אויגן טריפן טרערן,
ער זאָגט תורה — חסידים הערן.

„שבת היינט, שבת מאָרגן,
אינעם שבת ליגט פאַרבאָרגן
די נשמה פון דער וועלט;
וויל זי זיך צום מענטש אַנטפלעקן,
נאָר עס לויערן פון אַלע עקן
מחבלים בייזע פון דער וואָך."

דערפילט אַ שטאָך אין זיין ברוסט
דער שטריק דרייער — און ער הוסט.
און די שטאָלצן פעט געשמאָלצן
האָפּקען ווידער איבער פלאַקסן.
עס דרייען שטריק זיך און עס וואַקסן
די ווייטיקן אין מאירס פּיס.

# צעווייטיקטע הייכן

אַ מתנה שלום שאַפּיראָ ע"ה

אָ, פאַרלוירענער שאָטן —
זוכסט זיך און קענסט זיך ניט געפינען.
אַ פליט. דו וואַנדערסט אויף אַ פאַרגעסענעם וועג.
די וואָר פון דיין לעבן איז מיט חורבן אנטרונען
און דיין היינט ליגט באַהאַלטן אין די נעכטיקע טעג.

האָסט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פאַרוואונדעטן עבר,
די בײשטידלעך פון דיין הויז באַשפּרענקלט מיט בלוט.
אַלץ אַרום דיר — אַ צעצונדענער חורבן,
וואָס ברענט און ברענט מיט ניט זאַטיקן גלוט.

# ווילדע וועלט

## פחד

די ראַקעטן רונדן אוים מעת־לעתן.
ווען זיי וועלן זיך פאַרגעסן —
ווער קען וויסן?

שומר, שומר, מה מליל?
וועכטער, זאָג, וואָס טוט די נאַכט?

— די נאַכט פאַרהאַקט ווי פאַר אַ שטורעם,
קרעכצט אין היגערפלעטיק שלאָפן.
איך הער אַ ווידערקוליק רופן:
„וואַכט אויף, וואַכט אויף, עס וואַקסט די מורא!
עס נעמט שוין בלויען די דריטע אַשמורה."

די ראַקעטן רונדן אוים מעת־לעתן.
ווען זיי וועלן זיך פאַרגעסן —
ווער קען וויסן? ...

## ווו ביסטו

פרילינג-מיידלעך,
כלה-מיידלעך,
קויפן קליידלעך,
חופה-קליידלעך.
ווו ביסטו?
ווו ביסטו?

איבער שטחים,
ווייטע וועגן
ציען באַנען,
פאַלט אַ רעגן.
ווו ביסטו?
ווו ביסטו?

טראָפּנס טרערן,
טראָפּנס רעגן
אין מאַמעס האַרץ —
בענקשאַפט זעגן
און זיי פרעגן:
„ווו ביסטו?"

## אַ וואָרט צו מיין קינד

די נאַכט איז בלינד
צום לעבן.
דער טאָג איז טויב
צו דער וואָר.
דאָס זיין און פאַרגיין
הענגט אויף אַ האָר,
ווי מעשה-בראשית
אויפן וואָרט פון גאָט.
דער היינט איז דיינער,
דער מאָרגן — ווער ווייסט?

## דאָס געוויסן — 1965

דיביימער שטייען שטאַר,
קיין בלאַט טוט זיך ניט אַ ריר.
די לופט איז אָנגעטרונקען מיט וויין —
זי גליט מיט נחת פון דעם זיין —
גענעצט מיט זומערדיקער רו.

רו שלעפערט איין,
זי פאַרנאַרט, פאַרשטעלט
דאָס געוויסן פון דער וועלט.
דער כביכול אַליין כאַפּט אַ דרימל...

## „דער זיג"

די פעלדער וויינען — ליגן פּוסטע.
די ערד געשוואָלן איז פון חללים.
די זעלנער בלאָזן דעם טרויער־האָרן.
מאַמעס קלאָגן, רייסן קריעה.

מאַמעס קלאָגן, רייסן קריעה,
פון קינדערס אויגן קוקט די שרעק.
די פּלוינען ליגן וויסטע, פּוסטע.
די ערד מיט קברים איז באַדעקט.

# מטורף

בײַ אַ טײַל איז תּמוז,
בײַ אַ טײל איז אדר.
דאָס בלוט טוט אַ קלאַפּ
צום ריכטיקן אָדער.
די אויגן־לעפּלעך צוקן,
דאָס מויל שוימט,
די געדערים
וויאַנען.

די הענט ציטערן, די פּיס בייסן.
געזאַלצענע ריטער שמייסן.

טייל שרייען,
טייל לאַכן,
טייל וויינען,
טייל קראַכן.
טייל שטאַרן
און פאַרמאַכן
די טויערן
פון זיין
מיט דומען,
דומען
דומען.

# טויט־שטראָף

מ׳האָט פיר געפירט —
דריי געשאָסן.
אַ רויטער פליוך
האָט פאַרגאָסן
דעם שוואַרצן גרוב.

אויפן פערטן —
מ׳האָט דעם שטריק פאַרצויגן,
האָט דער בוים זיך איינגעבויגן,
די פייגל זיינען זיך צעפלויגן.

אַ שטייפער גוף,
אַ קרומער קאָפּ,
אַ שטאַרע צונג
און דער קלונג
פון גלעקער
שרעקן.
אַלע בייזע ווינטן וויינען.
קלאַפּן ווי מיט שטעקנס —
אויף די בלעכן
פון די דעכער...

## וויעטנאַם

די נעכט טוקן זיך אין פייער,
די טעג — אין אומקום-רויך.
איבער שטעט
פון וויעטנאַם
הענגט דער טויט.

אויף מזבחות פון פאַרדאַרבונג
איז מען מקריב יונגע יאָרן,
מ׳ווײַרעכט רשעות מיט מעדאַלן!

די צייט קלאָגט,
זי זיצט שבעה.
דאָס לעבן יאָמערט
אין וויעטנאַם.

## בלוט רינט

שעכי מעכי ווילדע צײַטן —
אויף אַן אייזל קומט צו רײַטן
ניט משיח — נאָר אַ ליץ.
ער איז געקומען פון פרעמדע וועגן.
ווען ער טרעפט טוט ער פרעגן:
— וואָס איז דער נאָמען פון דײַן געץ?
איז עס
טאַטע זיסער,
פאָטער בורא?
ווער קען וויסן!

אַלע תורות שוין צעריסן.
אַלע לוחות לאַנג צעבראָכן.
דאָס האַרץ פון וועלט שוין צעשטאָכן.
מיט אומקום שטראָמט אין איר דאָס בלוט!...

## די בעלי־חיים

די לופט שפריצט מיט גלי.
די ערד שווערט מיט געניץ.
אַ קראָ שלעפט אַ פעניץ,
איז איר שווער דער פלי.

אַ פערד ציט דעם וואָגן,
דער בייטשם באַפעל איז הייליק —
זי קיניגט האַרט און ביילינק
איבער זיין יאָגן.

אַ קאַלב אונטערן האַנט פון שוחט
שטייפט, מיט שרעק אין זיינע אויגן.
דער חלף איז אויסגעצויגן.

## איך האָב פיינט

איך האָב פיינט צו זען
ווי בלומען שטאַרבן:
זיי טרערן מיט פאַרבן
אין חודש אייר,
אין סיון — דאַרבן
פליכעוואַטע קעפ.
דאַרע שטענגלעך
ווי אָבלדיקע מאַמעס —
טרויערן אין תמוז.

## שוין ניט מער

אַלע פייגל האָבן פליגל,
מיינע ליגן אָפּגעהאַקטע:
פליקט די וועלט אָן רחמנות
פעדערן פון מיינע פליגל.
און די צייט מיט בלינדע אויגן
קוקט ווי נאַכט האָט שוין פאַרצויגן
איבער מיר דאָס שוואַרצע שווייגן.

טראָגט דער ווינט אַ שטומע בשורה
און עס לעשן זיך די שטערן.
שטייט דער דיכטער, שוויייגט אַ שטומער —
מ׳וועט זיין ליד שוין מער ניט הערן.

## פון דער טיפעניש

וויפל קנייטשן קאַרבן מיין נשמה?
וויפל תפילה ליגט אין אירע פאַלדן?
ווער וויל וויסן?
ווער קען וויסן?
גלייבט מען היינט דען אין נשמה?

די צייט אַ ווילדע האָט צעביסן
מיט די ציינער פון דער טומאה
אַלע גלויבנס,
איז געבליבן
בלויז די תפילה
פונעם דיכטער:
ממעמקים.

# צעפּאַלנקייט

אונדזער וועלט הענגט אויף
אַ מטורפדיקער תליה.
די וואָג פון גורל וויגט זי.
אונדזער וועלט איז —
איך, דו, יענער.
אַ קאַקאַפאָניע
פון צעיושעטע טענער,
די גרויליקע פאַרבן
פון מגושמדיקע בילדער —
צעדרייטע דראָטן,
קנעפלעך, בלעכלעך,
פון פאַרקריפּלטע פיגורן.
דאָס וואַרפן מיט ערוות
פון צע'בחור'טע יונגען;
די אַרויסגעשטופּטע בריסט
פון צעבאַלעטע מיידן;
אַ רעוועז —
צו פאַרהילכן די ליידן
פון אַ קראַנקער צייט.

# קול דממה דקה

עס שטייפט די וועלט,
עס שלאָפט די וועלט.
אין הינערפּלעט אַריינגעשטעלט
ליגן מזרח און דער מערב —
שנאָרכן דרום און דער צפון,
און אין מיט פון דעם שלאָפן
וואַקסט די שרעק.

ווער־זשע וועט די וועלט אויפוועקן ?
ניט ראַקעטן־זייער שרעקן ;
ניט דאָס הילכן פון האַרמאַטן,
דאָס פליען פון אַסטראָנאַטן ;
נאָר דאָס וואָרט וואָס רעדט צום האַרצן,
מיטן קול דממה דקה.

## ווילדע וועלט

**וועלט**, אָ, וועלט, בייזע וועלט!
ווער און וואָס וועט דיך שטילן,
אַז דיין גאָט ליגט געפּלעפּט
און עס הוליעט שטנ׳ס ווילן?
דיינע טעג ווי הפקר־גרעט,
הענגען אויף סכנה־שטריק,
דיינע נעכט פול מיט פלינדער
ווילדעוועז מיט שרעק.

וועלט, אָ, וועלט, ברודנע וועלט!
ווער און וואָס וועט דיך קלאָרן,
אַז הבל׳ס בלוט זידט און שעלט
און קינ׳ס צייכן טוט זיך מערן?
שוואַרץ צי וויים — בלוט איז רויט;
ווען פאַרגאָסן — פלייצט עס ברויזיק
און פאַרשווענקט ווי געוויסער —
מענטשנס האָב און גאָב.

וועלט, אָ, וועלט, בלינדע וועלט!
איך שלייף דיר אוים אַ פּאָר ברילן,
טו זיי אָן און קוק זיך אָן!
אפשר, אפשר וועסטו זיך שטילן.

# די סכנה

איך כאַפּ אָן דעם נישט-גוטן ביי דעם עק
און האַלט אים זיין ווילד געיעג.
און פרעגט אַזוי איך טו אַ זאָג:
— געננוג געווילדעוועט; אַ סוף צו דער שרעק!
— מיר האָבן צעשעדיקט די זיבן שלעסער
פון די הימלען, — אָפּגעשלייערט פון זיי דעם סוד:
דער דרייסט אונדזערער וועט ווערן גרעסער —
אפשר זיך אויך מעסטן מיטן אחד

שפּיצט דער נישט-גוטער די פייערדיקע הערנער.
אַ בייזער — ער טוט אַ טופּע מיטן פוס.
„לעת-עתה קרוינט אייך די קרוין פון די דערנער;
פון עץ-הדעת ניט געגעסן פול מאָס."
און ער פליקט אַראָפּ זיינע רויטע פליגל,
לאַכט, און שליידערט זיי אין מיין פּנים.
איך מעסט זיי אָן — און קוק אין שפּיגל
און דערזע פון אומקום די סימנים.

# אין אייביקן רייסטער

# דערגרייכונג

„ותחסרהו מעט מאלוקים" (תהלים)

באַשעפער!
האָסט אונדז געמינערט נאָר אַ ביסל פון זיך:
אונדז דערהויבן איבער אַלעם און אַלץ.
אונדז געגעבן דעם נייגער — דעם „איך".
נישט בלויז צו לעבן אויף ברויט און זאַלץ.

אין אונדז צעבלאָזן דעם פונק פון ווילן,
צו שטרעבן, צו שטרעקן און דערגרייכן.
דעם דאַרשט צו זיין — דורך אַרבעט צו שטילן.
האָסט אונדז באַוויזן פון שאַפן דעם צייכן.

האָסט אונדז צערודערט מיט שטוים פון פאַרמעסט,
צו פאַרמיידן פון אומקום די טויטלעכע קללה.
דעם חשק געוועקט פאַר קדושה אין נעסט —
איבערן עשירות פון קיילעך צו מאַכן די ברכה.

איצט, געשטעלט דעם מענטשלעכן פוס
מיר האָבן אויף פלאַך — פון ווייטער לבנה;
איר געבראַכט אַ פרידלעכן גרוס,
אַ סימן פון לעבן — פאַר איר אַ מתנה.

אַריינגעקלאַפּט דאָרט די ערדישע פאָן,
מיט מי און וואָרט, אַזוי צו זאָגן:
— מיר וועלן דיין טויט פאַרבייטן צו לעבן
און צוזאַמען אויף אייביק מיר וועלן עס טראָגן.

# פרילינג מעדיטאַציע

אַזוי פיל וועלדער אויף דער וועלט —
אין זיי אַזוי פילביימער.
ביי מיין גאַניק וואַקסט אַ בוים,
איז ער ביי מיר דער איינער.

איך קוק מיט פרייד ווי ער בליט.
צייל מיט ליבשאַפט זיינע בלעטער.
ער צעהעלט מיין געמיט.

אַזוי פיל ביימער אויף דער וועלט —
ביי מיין גאַניק וואַקסט נאָר איינער.
ער וועט בליען לאַנג נאָכדעם
ווען ערדן ס'וועלן מיינע ביינער.

* * *

עס שפרינגט אַ וועוורק אויף מיין בוים,
עס טרילט אין צווייגן דאָרט אַ פויגל.
עס גוגערט אין וויג דאָס קינד
פון מיין שכנה טייבל.
איך האָרך זיך איין צו די דריי,
באַנעמען וויל און וויסן:
צי וועלן זיי שפעטער ניט
דאָס איצטיקע פאַרגעסן?

איך שטיי ביים בוים און איך טראַכט:
ער סטראָיעט זיך אין גרינעם —
אַן אַלטער מאַן זיין פרילינג זוכט,
נאָר קען אים ניט געפינען.

# אַ כינעזער אין ניו־יאָרק

די סאָבוויי שלינגט די אונטער־ערד.
די ענגשאַפט הענגט און שווערט.
אין ווינקל אויף אַ באַנק,
געדרייט ווי אַ שלאַנג,
זיצט דער וועשער לי פאַנג.

די נאַכט איז קאַלט, די שעה איז שפּעט,
ער דרימלט און זעט:

אין דערפל קי פאַ
איז דער הימל בלאָ.
די זון שיינט היים.
כאַטש בצימצום די רייז,
איז דאָס לעבן וויים
ווי דער קלאָרער שניי.

זקנים דריי
מיט צעפּ אויף די קעפּ
זאָגן אַ בודישע תורה:

„פאַרן טויט האָט אַ רשע מורא,
אויב מ׳לעבט ריין טוט ניט באַנג,
אַלע וועגן פירן צו דער אייביקייט.״

אין סאָבוויי אויף דער באַנק,
געדרייט ווי אַ שלאַנג,
זיצט דער וועשער לי פאַנג.
טשיינע־טאַון * שלאָפט,
די שעה איז שפּעט,
אים וועקט דאָס גרעט.

* טשיינע־טאַון: דער כינעזישער קוואַרטאַל אין ניו־יאָרק.

# די גלייבערס

זיבן פייגל אויף אַ צווייג זיצן טיף פאַרטראַכטע,
פיגורן פאַרביקע אויפן בוים, געמאַכטע.
און זיי שפּיזן צו ווייטן מיט אויגן שטאַרק פאַרבענקטע,
מיינען אַז די ווייט איז בלויז פאַר פייגל אַ געשענקטע.

זיי ווייסן ניט אַז אויך איך האָב פליגל פאַרבענקטע
און איך וואַרט נאָר אויף אַ פלי פון פייגל אַ טשאַטע.

זאָג איך צו די פייגל, די זיבן: „אָ, איר גוטע ברידער,
זייט מוחל, מאַכט פּלאַץ פאַר אַ חבר אַ נייעם״
און איך זעץ זיך אויף צווייג, די פייגל ווערן שכנים.
דריי פון לינקס, פיר פון רעכטס, מיר זיצן אַכט אין איינעם.

זיבן פייגל און אַ דיכטער באַפליגלטע זינגערס,
זיינען גרייט צו טראָגן ווייט — לידער צו די גלייבערס.

# איך בין מיין עלטער־זיידע מקנא

מיין עלטער־זיידע, ר׳ משה דער מקובל,
האָט זיין וועלט פאַרהאַקט אויף אַ ריגל,
פאַרשלייערט מיט אַ שווערער מראַקע.
געוואָלט בלויז מיט כולו זכאי
דעם גלות באַפרייען.

איינגעהילט אין טלית
און אין שטילן טרויער,
פלעגט ער שטיקער זוהר
פון אויסנווייניק זאָגן.

דער עלטער־זיידע, דער מקובל,
האָט אַ סיגופים׳דיקן עיגול
פאַרצאַמט אין די חצותן,
אַלע קינות מיט טרערן באַגאָסן.
געזיכערט — אַז משיח וועט קומען.

צו אַכציק, צו זיינע אָבות איינגעזאַמלט.
אין דער לעצטער רגע נאָך — אויסגעשטאַמלט:
„אף על פי שיתמהמה, בכל זאת וועט ער קומען!...״

## אַ פּאַווע פּליט

זאָגט שאַ-בער צו סראַל-בער:
„דו הוסיאַטין, איך הוסיאַטין,
לאָמיר ביידע זיך פאַרקראַטן.
דיינס אַ יינגל, מיינס אַ מיידל,
דיינער משה, מיינע פריידל,
עס איז אַ זיווג, אוי, כ׳לעבן!"

קוקט סראַל-בער אויף שאַ-בער
און ער זאָגט: „הער נאַר, הער!
דו אַ קבצן — איך אַ גביר,
ווי זשע קומסטו גאַר צו מיר?"

זיצט דער רבי ביי זיך אין שטיבל,
האָרכט, און האָט פּאַראַיבל,
עס האָט סראָל־בער אים דערצערנט.
„ער האָט זיך גאָר נישט אָפּגעלערנט.
ניט פון הימל, וואָס אויסגעשטערנט
און נעמט די נאַכט אָן באהבה!
ניט פון שטורעם, וואָס ווילדט מיט גאווה,
דערנאָך אַ מידער מוז זיך שטילן."

און ער רופט אַריין דעם גבאי:
„שלמה, קוק! עס פליט אַ פּאַווע —
אויף איין פליגל זיצט אַ מיידל,
אויפן צווייטן זיצט אַ יינגל.
זע! זי שטעלט אַרוים איר צינגל.

„איבער ימען זי וועט פליען,
אויף יבשה וועט זיך שטעלן.
עס וועט דער שידוך וואויל־געפעלן."

## אַ זומער טאָג

דאָס גרעט באַפּאַלן איז דעם שטריק
עס רייצט זיך מיטן ווילדן ווינט.
דער האָן קרייעט: „קוקו־ריק",
דערשראָקן וויינט דאָס קינד.

אויפן דאַך זיצט די קאַץ.
ביים ברונעם שטייט דער הונט געקייטלט.
די קאַץ שפּיזט צו דעם ראַץ,
דער ראַץ קונדסיק שמייכלט.

די פליגן פרעסן דאָס געפּעס,
וואָס צעהאָנגען אויפן פּלויט.
אינעם וויטן גרינעם פעלד
דזשובעט דאָרט דער צאַפּ דאָס קרויט.

## דאָס ראָד דרייט זיך

דער מאַן איז אַלט, די זון איז אים קאַלט,
דער פרילינג פרעמד.
קריכט אַ וויקל־קינד אויף אַלע פיר,
טוט דעם מאַן ביים פוס אַ ריר
און גוגערט: גו, גו, גו:
— „אַן אַלטער מאַן אַזוי ווי דו
קען דעם פרילינג ניט באַנעמען."

שטרעקט דער מאַן אוים זיין האַנט
און טוט דעם קינד לייכט אַ גלעט.
— „איך שטעל מיין עלטער אין געוועט,
אַז אויב די צייט וועט גוט זיין דיר
און דו וועסט יאָרן אַזוי ווי איך —
עט, עט, עט,
וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן?"...

# פטור

דער אַלטער זרח קרעכצט.
ער לייענט די קריאת־שמע.
די וואָג פון זייגער וויגט די שעה.
די שאָטנס וויגן די צווייטע אשמורה.
דער אַלטער זרח שמייכלט
און האָט ניט קיין מורא.

ער איז מוחל דעם כביכול
זיין נישטיקע וועלט.

# עס לאַכט די עלטער

מיין פעטער עוזר פלעגט צו זאָגן:
„די עלטער האָט מיך שוין דערטראָגן
צו די ברעגעס פון דער גבורה
און דערטרונקען אין אירע טייכן.
שטרעק איך מיינע הענט צו גרייכן
פון די טייכן אַלע אוצרות —
נאָר עס זינקען און עס טיפן
מיינע פיס — ווי יענע שיפן,
וואָס דער שטורעם האָט געניזק׳ט."

ציטערן הענט און זיי שוואַכן.
קוקט די עלטער און טוט לאַכן.

## עס זעצט זיך די צײַט

די רגעס אויפֿן זייגער
רוקן זיך שטילע,
ווי אַן עגלה
אויף געסלעך שמאָלע.
די שעהן שטייפֿן —
פּעסטיקן די מעת-לעתן
און האַפּטיקן די צײַט.

די צײַט זעצט זיך
אויפֿן שטול פֿון אייביקייט
אַ ניט-פֿאַרענדיקטע.

## איך ווייס ניט...

דער טויכער שפּיזט,
דער רויב-פֿויגל שטעכט,
דער שוחט שעכט,
אום, צי גראָד —
אַ משחיתדיק ראָד
דרייט די וועלט!

די טויטע קערן זיך ניט אום,
דאָס גלייכע ווערט קרום,
דער יושר הענגט שטום.
גראָד, צי אום?...

# אין פלאָנטער

פאָרגעפּילן, פאָרגעפּילן,
ווילדע כוואַליעס אויף בייזע מילן
ברעכן מיינע אָנשפּאַר־דאַמבעס,
וויקלען נעכט אין שוואַרצע שלייערס,
באַגלייטן טעג מיט וויסטע שרייערס;
אויף שפּילקע־בעטלעך, ווי די סדומער,
זיי קייקלען מיך אַ מידן.

פאָרגעפּילן, פאָרגעפּילן,
בייזע ווינטן אויף פליגל־מילן,
דרייען מיך אין ווירבל־וויכער,
רויבן מיר מיין רו.

ווי אַזוי־זשע איז מען גובר
פון מיין רו די בייזע רויבער?

# ליבע

צווי פיש האָבן זיך צעהוליעט.
די קעפּלעך אָנגעשטויסן,
די פּיסקלעך צוגעטוליעט
און פאַרקניפּט זיך מיט אַ קוש.

האָט דער טייך זיך שטאַרק דערפרייט
און אַ כוואַליע האָט זיך פאַרדרייט
און אויסגעבלעזלט אַ ליבע־רינג.

טוט איין פיש זיך טיף אַ טונק.
טוט דער צווייטער הויך אַ שפּרונג
און מיט פליוך און מיט זינג
זיי באַהעפטן זיך אַזוי פלינק.

ווערט אַ פיש געבוירן ווערן.

## אַלט־יונג

**אַן אַלטער גוף,**
וואָס פליגלט מיט שטורעם,
איז בעסער פון אַ יונגן,
וואָס שווערט ווי בליי.
ווער קען דעם ווערט
פון אַלט צי יונג?
און וואו איז די מאָס
צו מעסטן זיי?

אַ קנויל פון גרייכונג
געבונדן צו יאָרן,
הויפנס מעשים
געקייטלט מיט פרייד,
אַ זקן — צעפּאָכעט
מיט שטאָלץ פון לעבן,
איז יינגער פון יינגל,
איז מערער פון לייט.

## בונט פון בלומען

פיציע ריציע רוישיק זשומען.
אַלע ווײַלע איבער בלומען
פליען בינען —
זויגן זיסקייט.
ווילן בלומען זיך אָפּוועָרן,
צו הילף זיי רופן
אַלע שטערן,
די לבנה
און דעם רעגן
און זיי פרעגן:

„פאַרוואָס גראָד אונדז אויסגעקליבן?
אין וועלכן ספר איז פאַרשריבן,
אַז מיר שוואַכע מוזן ליידן,
זיין פאַר בינען אַ גן־עדן?"

פיציע ריציע רוישיק זשומען,
בונטעווען זיך אַלע בלומען,
אַלע בלומען.

## דאָס גרינע ליד

עס בלאָזט דער ווינט שטיל, שטיל,
אַ לייכטער שאָרך עס פליגלט,
וויגט די ביימער, גלעט די צווייגן,
און די גראָזן זיגלט.
זיי טוליען זיך צו דער נידער,
אַ בגד שכולו סאַמעט.
זינגען פלוינען מיט אַ ציטער
דאָס גרינע ליד פון אומעט.

## ערשט נעכטן

ווען די בלעטער אויף די ביימער פאַרבן זיך רויט
און הוסטן מיט בלוט פון גוסס'ן זומער,
שטייט שוין דער האַרבסט צו זיין דרך גרייט
און טראָגט אַ קויש מיט פראַסטיקן שימער.

ווען זיי הענגען אַראָפּ צעלעכערט און דאַר
און לאָזן די צווייגן פאַרשעמטע און שיטער,
וועקט זיך פון שלאָף פון ווינטער דער האַר
צו הערשן, צו שאַלטן אין זיינע גיטער.

ווען געהויפטע אין קופּעס אויף ראָגן פון גאַסן
זיי לעשן זיך אוים מיט רויכיקן קלעטער,
דערציילט דאָס אַש דעם חידוש פון לעבן:
— נעכטן האָט דאַ נאָך געיינגלט דער זומער.

# חלילה מאָרגן

זאָגט אַ בלעטל צו אַ בלעטל:
„גיב אַ קוש מיר, טו אַ גלעטל.
לאָמיר זיין אַזוי ווי אַלע.
לאָמיר ווערן חתן־כלה.״

ווערט נשתומם דאָס צווייטע בלעטל
און עס פּשטל׳ט אויס אַ פּשטל —
„סטייטש, ווי אַלע? גלייך ווי אַלע?
צו וואָס טויג די בלעטל־מעלה?
אַלע גערטנער מיר באַגרינען
(מיט דעם מעגן מיר זיך רימען!).
אַלעביימער מיר באַקרוינען.
אַלע זומערס מיר באַוואוינען.
פרעג איך דיך אַ פּראָסטע שאלה —
לוינט זיך ווערן גלייך מיט אַלע?״

רעדט דאָס ערשטע מיט אַ שמייכל —
„אין די קאָרטן, דער איבער־אייכל
אויכעט מיינט אַז ר׳איז אַ גדול;
וואַזשנע האַלט זיך די קליינע נאָדל.
יעדערער זעט זיך מיט זיינע אויגן;
אין אייגענעם חשיבות אַלע גלייבן.

ווייסן זיי, ברודער מיינער!
דער רעגן לעכערט אויס די שטיינער;
דער זשאַווער עסט אויף דאָס אייזן;
די צייט, זי טוט דאָס באַווייזן.
גיב אַ קוש מיר, טו אַ גלעט —
חלילה מאָרגן קען זיין צו שפּעט.״

# אַ ליד ווערט געבוירן

מיר דיכטער, כהנים פון וואָרט, פון שריפט,
מיר לאָדן זיך אָן מיט גנאָד פון געמיט
און לאָזן זיך זוכן חלומות אויף ימען.
מיר שווימען און שוועבן — ביז מיר געפינען.
מיר נעמען זיי לאָקן און זיי טוען זיך שפינען —
און גאָט צינדט אָן פון יצירה די פלאַמען.
עס מערן זיך ווערטער, עס וואַקסן די גראַמען,
עס באַווייזן זיך גלויבנס, וואָס נאָך ניט פאַראַנען,
זעאונגען, וואָס דאַרפן געדייען און ווערן.

אין מיט-טאָג צעהעלן זיך אונדזערע שטערן:
זיי פליען ווי פייגל, באַזעצן די סטראָפן,
מיר נעמען זיי אויף מיט פרייד — פון געטראָפן
און זען מיט מזל — אַ ליד ווערט געבוירן.

# אַ געבעט

גאָט! שענק מיר דעם כישוף פון חלום,
די פרייד טועם צו זיין אים און פילן.
מיין וואָר ראַנגלט זיך מיט שטורעם
און נאָר חלום וואָלט געקענט זי שטילן.
די נעכט מיינע גליווערן פון ניט שלאָפן —
די טעג ווערן מידער און מידער.
איך ווייס ניט ווי אַזוי דיך צו רופן:
שאַפער, מאָנער, צי הערער...

מיינע אָבות פלעגן תפילה טאָן
און הייליקן אין זיך דאָס גלייבן.
און איך, הכנעה'דיק בעט:
— טו מיך מיט חלום דערהייבן.

# מיין גורל

צו להכעיס דעם בייזן רומל
מיט זיין רשעות-נעץ דער גאנצער ;
דעם טרויער-מייסטער,
דעם אומעט-טענצער,
די שליחים
פון צער
און צאָרן.

צו דערווידער דעם שווערן לעבן
וואָס האָט זיין ליד מיר געגעבן,
מיך געהויבן — זיין זיין טרעגער,
האַלט איך האַפט ווי אַ גיבור
מיין גורל.

# כי טוב

איך וועל מיין ליד ביזן סוף
ניט אויסזינגען :
דער סוף פון יעדער זאַך טוט וויי.
דער אָנפאַנג פון אַ ליד
איז אַ באַרג מיט גבורה —
אַ קלעטער צו אַ שפּיץ אַרויף.
וועל איך לאָזן בלאַנק די לעצטע שורה
— וואַרטן — אַז די צייט פאַרשרייבן זאָל :
„כי טוב״ !

# דיכטער שטאַרבן נישט

דעם אָנדענק פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

מיר שלאָפן אין טאָוולען פון ביכער;
אין שאָטנס פון שורות, אין שמות.
מיר — צעפליגלטע דיכטער
פליען אַריבער די אימות.

פאַר אונדז איז דער טויט קיין מניעה,
נאָר פרעגן — כאָטש לייכט מיר שטאַרבן:
„ווער וועט שניידן די זריעה?
ווער וועט זי בינדן אין גאַרבן?"

# אין אייביקן רייסטער

לייכטע שאָטנס זיך פלעכטן מיט פאַרבן
און פאַלן אויף קעפ פון דיכטער וואָס שטאַרבן,
זיי ווערן סטרונעס אויף שטייפיקע האַרפן,
צעשפּיזן דאָרט לידער — מיט שטראַליקע שאַרפן
זיי ווערן זעגלען פון שיפן אויף ימען
און פירן אַ מיטה צעלויכטן אין פלאַמען.

קומען שליחים די פירער אַנטקעגן,
שליחים פון קיום — נייגעריק פרעגן:
„וואָס איז די מיטה, וואָס צערודערט די ימען?
וואָס טוט באַפליגלען די אייביקע פלאַמען?״

„לידער, באַפליגלען מיט שכינה דעם מייסטער,
פאַרזיגלען זיין נאָמען אין אייביקן רייסטער.״

## האַפּטיקייט

איך בין דאָ!
ווידער מיין ווילן
און מיט מיין ווילן,
צו גרייכן און פאַרלאַנגען
אַלע עשירותן פון לעבן.

איך בין דאָ!
צו זיין און צו נעמען
פון נאָנט און פון ווייט,
פון לענג און פון ברייט;
פון גוט און פון שלעכט,
פון רעכט און אומרעכט;
פון טיף און פון פלאַך,
פון וויין און פון לאַך;
פון מיאוס און פון שיין,
פון גרוים און פון קליין,
און צו זאָגן אמן,
ווייל איך בין דאָ!

# אינהאַלט

אין בונד פון לעבן ..... 4

## אייגענע וועלטן

דער דיכטער ..... 7
רזא דרזין ..... 8
שאַגאַליש ..... 9
פקדון ..... 10
די האַנט פון צייט ..... 11
טייטש ..... 12
שוואַרצער מאַך אויף שוואַרצע שטיינער ..... 13
בלויז אַ ציפער ..... 14
ווייסע טויבן ..... 14
Eros ..... 15
אין סאַד ..... 16
ניט ווי חוה ..... 17
אייגענע וועלטן ..... 18

## יידן בויען

מאה שערים ..... 20
פסח ביים כותל מערבי ..... 21
ווי אין חלום ..... 22
חיפה ..... 23
איבער די דעכער פון תל-אַביב ..... 24
צפת און דער אר״י הקדוש ..... 25
דער צפתער שלייער ..... 26
יידן בויען ..... 27

## צעווייטיקטע הייכן

אין אַ פראַסטיקער נאַכט ..... 30
ספקות ..... 31
אַ פייערדיקער דגל ..... 32
פוסטע חלומות ..... 34
דער לעצטער הויך ..... 35
דער פליענדיקער סוחר ..... 36
דער קלעזמער און די נאַכט ..... 38
זידיטשויו ..... 39
ניט דערלעבט ..... 40
הושענות ..... 42
דער פרוש ..... 43
אַ וואַכנאַכט ..... 44
בערל׳ס דאַליע ..... 46
נעבעך ..... 47
„עס איז שפעט״ ..... 48
יידישע שפראַך ..... 49
וואָס ועט בלייבן ..... 50
גבורה ..... 51
אויסגערונען ..... 52

יזכור ........ 52
יהא שמינו רבא ........ 53
דער שטריק-דרייער ........ 54
צעוויטיקטע הייכן ........ 55


## ווילדע וועלט


פחד ........ 58
וואו ביסטו ........ 59
אַ וואָרט צו מיין קינד ........ 59
דאָס געוויסן — 1965 ........ 60
„דער זיג" ........ 60
מטורף ........ 61
טויט-שטראָף ........ 62
וויעטנאַם ........ 63
בלוט רינט ........ 63
די בעלי חיים ........ 64
איך האָב פיינט ........ 64
שוין ניט מער ........ 65
פון דער טיפעניש ........ 65
צעפּאַלנקייט ........ 66
קול דממה דקה ........ 67
ווילדע וועלט ........ 68
די סכנה ........ 69


## אין אייביקן רייסטער


דערגרייכונג ........ 72
פרילינג מעדיטאַציע ........ 73
אַ כינעזער אין ניו-יאָרק ........ 74
די גלייבערס ........ 76
איך בין מיין עלטער-זיידע מקנא ........ 77
אַ פּאַווע פּליט ........ 78
אַ זומער טאָג ........ 80
דאָס ראָד דרייט זיך ........ 80
פּטור ........ 81
עס לאַכט די עלטער ........ 81
עס זעצט זיך די צייט ........ 82
איך ווייס ניט ........ 82
אין פּלאָנטער ........ 83
ליבע ........ 84
אַלט-יונג ........ 85
בונט פון בלומען ........ 86
דאָס גרינע ליד ........ 87
ערשט נעכטן ........ 87
חלילה מאָרגן ........ 88
אַ ליד ווערט געבוירן ........ 89
אַ געבעט ........ 90
מיין גורל ........ 91
כי טוב ........ 91
דיכטער שטאַרבן נישט ........ 92
אין אייביקן רייסטער ........ 93
האַפּטיקייט ........ 94